

אתר ווי'לניצע נייעס

ריך צו טון עפעס, וואס די פילסט אז דאס איז נישט עפעס וואס דער רבי וואלט הנאה געהאט דערפון, אדער די בילסט נישט באקוועם דאס צו טון, האב נישט מורא צו ענטפערן 'איך בין דא פאר'ן רבי'ן, און סיי וועלכע אנדערע זאך קען א צווייטער ערלעדיגן'. די שלעכטע ארבעט לאז פאר אנדערע..."

**עס איז באוואוסט אז אין וויזניץ זענען פארהאן מערערע גבאים און שטוב מענטשן וועלכע דרייען זיך ביים רבי'ן; זייענדיג דער הויז-בחור האט עס אייך געשטערט אין סיי וועלכע פארעם?**

דער ענטפער איז ניין, און נישט נאר עס שטערט נישט, נאר פונקט פארקערט, עס לייגט נאר צו צו די חן פונעם פלאץ, און מאכט אז אלעס זאל קלאפן אויף הונדערט פראצענט. מיט א דרויסנדיגע בליק קען עס אויסזען ווי א גרויסע גרופע פון אלע סארטן גבאים און משמשים, אבער באמת לויפט עס מיט א געוואלדיגע סדר און פונקטליכקייט, ווען יעדער האט זיין גענויע פאזיציע.

בראש וראשונה זענען דא ר' הערשל כ"ץ מיט ר' אהרן מאטעסמאן, וועלכע זענען משמשים בקודש נאך פונעם ישועות משה. דערנאך איז דא ר' בנציון שטאנגער וועלכער איז דער יד ימינו פונעם רבי'ן שוין פאר כמעט פערציג יאר, און וועמען דער רבי געטרויעט מיט פארשידענע האקעלע ענינים.

דערויף איז דא ר' שאול גרינבערגער וועלכער איז ווי דער רוחניות'דיגער משב"ק, נאכהער קומט ר' יושע קרייזער וועלכער איז דעם רבי'נס דרייווער, דאן ר' יוסי סאריף וועלכער דינט אלס דער שר העסקנים בחצר גינת המלך.

ווען עס איז דא קאארדינאציע צווישן די שטוב מענטשן פארט אלעס פיל געשמירטער, און דא ביים רבי'ן איז סאקע דא א געשמאקע אטמאספערע וואו מען פארברענגט צוזאמען און יעדער האט הנאה איינער פונעם אנדערן.

**האט איר באקומען א הכנסה פון דעם רבי'נס שטוב?**

איך האב נישט באקומען קיין אפיציעלע געהאלט, אבער די אידן וועלכע האבן פארשטאנען די חשיבות פון מיין הייליגע ארבעט, און האבן עס רעספעקטירט, פלעגן מיך אלע אונטערשטיצן מיט עפעס געלט.

**יעצט ווען איר האט חתונה בשעה טובה, און איר וועט שוין נישט קענען זיין אנוועזנד אין אלע צייטן, האספארא ראלע זעט איר זיך שפילן אין די חסידות?**

איך האב נישט קיין קלארע פלאן מיט א פונקטליכע פונקציע וואס איך וויל טון. אזויפיל יא, איך בין דא פאר די חסידות מיט סיי וואס די חסידות וועט נאר דארפן, איך שטיי גרייט ווי א סאלדאט. ווי ערווענט האב איך געשעפט אסאך געלט פון נדיבים און תורמים וועלכע זענען געווען ווארעם פאר'ן רבי'נס שטוב ווען איך האב אנגעהויבן צוזאמשטעלן די באטעס ווען דער רבי האט אנגעהויבן פירן אליינס, איז אולי ואולי וועל איך טון אביסל אין די פאנדרעיזינג חלקים.

מיר ענדיגן דעם שמועס מיט א ווארעמע וואונטש, אז ער זאל אויפשטעלן א בית נאמן בישראל און זען נחת פון




ביי אונזער שמועס מיט ר' יוסף שמעון, און שטוב פון ר' אביגדור אסטרייכער

העלפן פילע מענטשן וועלכע האבן פראבלעמען דארט. מיט כ"ק אדמו"ר מפיטסבורג בין איך פערזענליך נאנט, אויך מיט האדמו"ר מסאטמאר פון וויליאמסבורג בין איך זייער נאנט, טאקע וויבאלד ער טוט אסאך פאר עלטערע בחורים.

**האט איר א שייכות מיט הויז-בחורים פון אנדערע חצירות?**

וויבאלד איך בין שוין א הויז-בחור אזויפיל יארן, איז מיר שוין אויסגעקומען מיטצוהאלטן כמעט יעדע סארט מעמד און יעדע מין מצב וואס מאכט זיך ביי א רבי'ן, און דורך זיין אן אקטיווער חלק פון די שטוב מענטשן, האב איך זיך אויסגעלערנט ווי איין און ווי אויס, ממילא קומט אסאך אויס אז הויז-בחורים פון אלע הויפן רופן מיך אן צו זיך דורכרעדן וויאזוי צו מאכן באקוועמער פאר'ן רבי'ן, וויאזוי צו האנדלען אין געוויסע מצבים און וויאזוי זיך צו פארגלייכן מיט די אנדערע שטוב מענטשן. אויך פרעגט מען ביי מיר אן די פשוט'ערע זאכן, ווי וועלכע סארטן כלים זענען גוט פאר רבי'שע טישן, וואו מען קען שאפן די כלים א.א.וו.

לדוגמא, האב איך א גאר נאנטע קשר מיט די שווארץ ברידער וועלכע האבן געדינט אלס הויז-בחורים ביי אדמו"ר מהר"א מסאטמאר, מיר פלעגן זיך אסאך צונויפרעדן.

אלזא, אין איין ווארט איז דער ענטפער: יא. איך שטיי אין קאנטאקט מיט פילע הויז-בחורים פון פילע הויפן, און איך בין אלעמאל גרייט צו ענטפערן דער וואס וועט מיר עפעס אנפרעגן.

**וויאזוי מאכט מען טאקע זיכער זיך אלעמאל אויסצוקומען מיט די שטוב מענטשן, און פון די צווייטע זייט אויך מיט די חסידים?**

ס'איז אלעס איין זאך, מען דארף זיין א מענטש. מען דארף פארשטיין אז יעדער האט אן אייגענע אגענדע, און קיינער מיינט נישט דוקא צו באַ'עוול'ן דעם הויז-בחור. מען דארף געדענקען אז די שטוב מענטשן זענען בעצם אויף די זעלבע מיסיע, צו אויפהייבן דאס כבוד פונעם רבי'ן און פון די חסידות. דארף מען נאר האבן אביסל סבלנות, און מען קען זיך אויסקומען איינער מיט'ן צווייטן.

"וואס אנבאלאנגט די חסידים, וויל איך זאגן א וויכטיגע זאך", הייבט יוסף שמעון אויף די אויגן ווי גלייך ער רעדט ווען צו א פארזאמלונג פון הונדערטער הויז-בחורים. "א הויז-בחור דארף געדענקען, אז ער דארף מקרב זיין די חסידים אריין צום רבי'נס שטוב, נאר מיט ווארעמקייט איינמאל און נאכאמאל. עס קען זיך אמאל דאכטן אז מען האט א כח צו זאגן ניין פאר געוויסע מענטשן, און דערפאר דארף מען זיך חזר'ן אז די איינציגסטע וועג אנצוקומען ריכטיג, איז צו מקרב זיין ווי מער".

ווי די חסידים געבן איבער, איז טאקע יוסף שמעון א מוסטער פון א מקרב לבבות, ספעציעל פאר די בני חוץ לארץ וועלכע האבן נישט קיין משפחה אין ארץ ישראל, האט ער אלץ פרובירט ארויסצוצייגן א ווארעמקייט, און אראפגעשיקט שירים ספעציעל פאר זיי, און זיי געמאכט ווי מער באקוועם, זיי זאלן זיך שפירן ביים רבי'ן אין שטוב ווי ביי זיי אינדערהיים.

**וועלכע הוראה וואלט איר געגעבן פאר א פרישער הויז-בחור וועלכער הייבט יעצט אן די עבודת הקודש?**

"איין גאר וויכטיגע זאך דארף א הויז-בחור אלץ געדענקען", ווערט יוסף שמעון ערנסט פאר א מינוט. "דער עיקר ארבעט פון א הויז-בחור, איז צו העלפן דעם רבי'ן מיט וואס עס פעלט זיך אויס. יא, מען דארף העלפן די שטוב ווירטשאפט, און עס קומט אויס צו טון פילע אנדערע הצטרכות'ן, אבער מען דארף האלטן פאר די אויגן אז דער באקוועמליכקייט און כבוד פונעם רבי'ן איז פריאריטעט נומער איינס. איז ווען עמיצער שיקט

11



מיט כ"ק אדמו"ר מסאדיגורא שליט"א

אתר ווילניצע נייעס

און מיך אריינגערופן. דער רבי האט מיר געוויזן א גרויסע לקרב ארומקריכן דארט, און מיר געבעטן איך זאל עס מסדר זיין. כ'האב עס סאקע באלד געהרגעט, אבער דאן האט מיך דער רבי געהייסן ברענגען א גרויסע זאק און אריינלייגן דערין דעם לקרב, און עס ארויספירן ביז די מיסטקאסטן פון די גאס, אז דער בעל אבסניא זאל בכלל נישט וויסן דערפון: "ער דארף נישט האבן דעם עגמת נפש, אז אן עקרב איז דא אריינגעקראכן", האט דער רבי דערקלערט.

**עס איז באקאנט אייער ראלע אלס שרייבער און ארויסגעבער פונעם פאפולערן וויזניצער גליון 'פונעם רבי'נס הויף' וואו עס ווערט געמאלדן אלע נייעס אינערהאלב דעם רבי'נס שטוב; וואס קענט איר זאגן דערוועגן?**

ב"ה, דער אויבערשטער האט מיר געגעבן א געשמאק אין שרייבן, פרוביר איך דאס אויסנוצן אויפ'ן בעסטן אופן וואס שייך. בעצם קומט די שרייבעריי נאך פון מיין זיידן, וועלכער איז געווען דער בריוו שרייבער פאר'ן הייליגן אהבת ישראל זי"ע.

(עס דערקענט זיך א הנאה אויף יוסף שמעון'ס געזיכט ווען ער זעצט פאר:) ברוך השם, דער גליון האט נשא חן געווען ביי כלל ישראל, און פון איבעראל הער איך צוריק גריסן דערפון, אז דער עולם לייענט דעם רבי'נס ווערטער און האלט מיט וואס עס טוט זיך אין דער מלוכה, אפילו פונדערווייטנס. איך האב שוין אפילו נאכגעהערט פון אנדערע וועלכע מאכן מיך נאך מיט געוויסע זאכן - זאל עס זיי וואויל באקומען; אדרבה, אויב קען ארויסקומען דורך מיר א גרעסערע הפצה פון ערליכע חסידות, וועט עס מיר שטארק מהנה זיין.

איך פרוביר ווי ווייט מעגליך מיטצונעמען דעם לייענער צו אונז אין הויף אריין, כאילו זיי וואלטן דא געווען. איך הייב אן מיט'ן אראפלייגן דעם רבי'נס סדר היום מיט אלע דעטאלן, שפעטער לייג איך צו נייעסלעך און אנעקדאטן וואס האבן פאסירט אינעם חצר. א ספעציעלע זכות שפיר איך אויך צו קענען פארשפרייטן דעם רבי'נס בריוו וועלכע זענען אנגעפילט מיט אזויפיל אהבה און חיזוק פאר כלל ישראל. איך דאנק דעם אויבערשטן אויף דעם וואס ער געבט מיר די כוחות אנצופירן דעם גאנצן גליון אפאראט.

**אויסער דער וויזניצער גליון, שרייבט איר אויך די פאפולערע סאדיגורער גליון 'פונעם רבי'נס הויף'; דערציילט אונז איבער אייער קשר קיין חצר הקודש סאדיגורא און איבער דאס שרייבן דעם גליון?**

קודם כל, בין איך נאנט מיט משפחת פעלדמאן - די משפחה פון הרה"ח ר' חיים משה פעלדמאן ז"ל מגדולי תומכי וויזניץ, און היות בית סאדיגורא זענען זיינע אייניקלעך בין איך אלעמאל געווען נאנט מיט זיי. שוין צוויי יאר איידער דער היינטיגער סאדיגורער רבי איז געווארן רבי, בין איך שוין געווען בידידות מיט אים. ער איז אלעמאל געווען באקאנט אלס מתמיד און מורם מעם, ביי אלע שמחות איז ער געזעצן מיט א גמרא און געלערנט.

> ווען ער איז געווארן רבי, האב איך אנגעהויבן אסאך אהינצוגיין אין די צייטן ווען אין וויזניץ איז נישט געווען קיין טיש, און כ'האב זוכה געווען צו נושא חן זיין בעיניו, און זינט דאן בין איך גאר נאנט צום חצר.

ווען ער איז געווארן רבי, האב איך אנגעהויבן אסאך אהינצוגיין אין די צייטן ווען אין וויזניץ איז נישט געווען קיין טיש, און כ'האב זוכה געווען צו נושא חן זיין בעיניו, און זינט דאן בין איך גאר נאנט צום חצר. אין אנהויב האב איך זעלבסט ארויסגעגעבן דעם גליון, היינט העלף איך נאר צו. זינט כ'בין א חתן געווארן האב איך אויך אויפגעהערט צו שרייבן דער וויזניצער גליון, איך העלף נאר צו דערצו, וויבאלד כ'בין פארנומען זיך צו גרייטן צו מיין חתונה בשעטומ"צ.

זענט איר נאנט מיט נאך הויפן און אדמורי"ם?

ברוך השם אז מיט די יארן האב איך אנגעקניפט קשרים מיט אלע חצרות. אויך ביי הגר"ח קנייבסקי זצ"ל בין איך געווען זייער נאנט, אזש כ'האב דארט געקענט אריינריקן מענטשן. דאס זעלבע איז אין נאך פילע הויפן. אויך מיט'ן רב פונעם לוד לופטפעלד בין איך נאנט, וואס מאכט מיך קענען

די זיסע יארן, האט ער געזוכט צו מאכן קידוש לבנה, אבער ער האט נישט געפינען קיין לבנה. איז ער געגאנגען אין גאס מיט'ן קאפ ארויף צוזוכנדיג דעם לבנה, און אזוי איז ער געגאנגען און געגאנגען קוקנדיג נאר צום הימל. אויפאמאל האט ער געפינען א לבנה, אבער ווען ער האט זיך דאן אומגעקוקט, האט ער געזען אז ער איז אין האר פונעם ארטיגן אראבישן געגנט... דער רבי האט זיך אבער נישט פארלוירן, נאר רואיגערהייט געמאכט קידוש לבנה און דאן שנעל אנטלאפן פון דארט.

**האט דער רבי אייך אמאל געגעבן א פסק אויף...**

יא, דער רבי האט אמאל געקענט געבן א שטיקל פסק, למשל ווען איך האב פארפאסט א מקוה און דער רבי האט עס תופס מחשבה געווען, צי אן אנדערע מאל ווען ס'איז זיך געקומען א ווארט. אבער אלעס איז געווען מיט א חיבה, א לייכטקייט און א שמייכל אויפ'ן פנים.

אבער נישט ווען איך בין געקומען שטענ... אויף זיך פערזענליך האט ער קיינמאל נישט מקפיד געווען. (-הגם דעם רבי'נס אייניקלעך טענהן, אז יוסף שמעון איז נאך קיינמאל נישט געווען שטענ... בכלל...)

**האט איר איינגעפירט געוויסע זאכן אינערהאלב די חסידות?**

איך וואלט נישט געזאגט ממש איינגעפירט, אבער איך האב פארשידענע זאכן וואס איך בין זיך נוהג אלע טעג. ווי למשל, ווען דער רבי גייט ערגעצוואו אין דער פרעמד, גיי איך קודם אויסשמעקן דאס פלאץ, זען צי אלעס איז מלכות'דיג ווי עס פאסט זיך, צי דער רבי האט א געהעריגע געשמאקע וועג אריינצוקומען, און אזוי ווייטער.

**האט איר אמאל צוגעזען אפענע זאכן ביים רבי'ן?**

איך האלט כסדר מיט ביים רבי'ן און זע ווי דער רבי פועל'ט ישועות. צומאל קען דער רבי געבן א זאג אריין עפעס פאר א יונגערמאן און יענער ווערט בלאס וויבאלד דער רבי איז תופס מחשבה. ביי רובאשקין האט די גאנצע וועלט מיטגעהאלטן ווי מיטאמאל אינמיטן דער זאת חנוכה טיש האט דער רבי אנגעהויבן זינגען 'פדה בשלום נפשי'. קיינער האט נישט פארשטאנען פשט דערין, ערשט ווען רובאשקין איז ארויס פון עטליכע שעה שפעטער האט מען שוין איינמאל פארשטאנען. היי יאר זאת חנוכה האט דער רבי נאכאמאל געבעטן צו זינגען און זיך צעוויינט אז ער דארף א ישועה, אבער ליידער איז שוין געווען נגזרה הגזירה, און יענע נאכט זענען צוויי ווייכע בחורים לײדער אומגעקומען אין א שרעקליכע עקסידענט רח"ל.

**עפעס א זיסע געשיכטע וואס איר האט מיטגעהאלטן ביים רבי'ן?**

אמאל זייענדיג אין דער פרעמד אין א געוויסע אכסניא, האט דער רבי מיטאמאל געעפנט דעם ...



צוזאמרופן דעם גאנצן עולם און איך וועל זיצן דער ערשטער...

איך האב אין מיטגעהאלטן וויאזוי עס איז צוגעגאנגען דאס אויפבויען די גרויסע צענטראלע בית המדרש 'בית וויזניץ', און עס איז געווען גאר אינטערעסאנט מיטצוהאלטן די סייעתא דשמיא וואס האט באגלייט דעם פראיעקט אויף יעדע שריט.

איך פלעג אלץ הערן ווי דער רבי קרעכצט אז עס איז ממש נישטא קיין פלאץ מער אינעם אלטן בית המדרש, און אידן דארפן קענען דאווענען און לערנען בהרחבה. דער רבי האט געוואוסט אז עפעס דראסטיש ברויך געטון ווערן, און פון אנפאנג איז דער פלאן געווען אז מען וועט ארויסבויען און צולייגן נאך חלקים צום אלטן בית המדרש.

ווען דער רבי איז אמאל געווען באזוכן דעם פעטער האדמו"ר מוויזשניץ בעל תורת מרדכי אין מאנסי, האט ער אים איבערדערציילט דעם פראבלעם, אז אפילו נאכ'ן ארויסבויען זעט נאכאלץ נישט אויס ווי עס גייט זיין גענוג פלאץ.

דער פעטער האט דאן געזאגט פאר'ן רבי'ן, אז מען זאל אראפווארפן דעם אלטן בנין און אויף איר פלאץ אויפבויען א נייע גרויסע בית המדרש וואס וועט קענען אריינעמען די פילע טויזנטער חסידים. אויבנאויף איז דאס געווען גאר אן אינטערעסאנטע הוראה, אבער דער רבי האט דאס בכלל נישט אנגעקוקט אזוי, און נאך זייענדיג אין אמעריקע, האט ער אנגערופן אהיים און געזאגט, אז מען זאל אראפווארפן דאס בנין הבית המדרש שוין גלייך, און טאקע ווען דער רבי איז אנגעקומען אהיים נאך דער נסיעה איז די געביידע מער נישט געשטאנען.

איך האב מיטגעהאלטן דעמאלטס די געוואלדיגע רואיגקייט און בטחון פונעם רבי'ן, הגם דער נייער בית המדרש האט געברויכט אפקאסטן עטליכע מיליאן דאלער, און דער רבי האט דאס גאנצע אחריות פון שאפן געלט גענומען אויף זיינע אקסלען. צוזאמשטעלן אפאר מיליאן דאלער איז נישט קיין קלייניגקייט, אבער דער רבי האט געהאלטן אז דאס דארף מען יעצט טון און ער האט זיך אריינגעווארפן דערין מיט א פייער. אבער ווי ערווענט, האט מען אין שטוב קיינמאל נישט געשפירט אן אנגעצויגנקייט אז מען דארף דא צוזאמשלעפן אזויפיל געלט, נאר פארקערט, די רואיגקייט און ליבליכקייט וואס האט ארומגענומען דעם רבי'ן צו יעדע צייט האט גאר בארואיגט די ארומיגע און אריינגעברענגט א פרייליכע אטמאספערע אין שטוב.

מען האט אנגעהויבן בויען דאס בית המדרש - דאכט זיך - אום תשע"ח, און בלויז פיר יאר דערויף איז דער פראכטפולער בנין בית ה' שוין געווען כמעט פארטיג. אז אזא בנין זאל זיין פארטיג אין אזא רעלאטיוו קורצע תקופה, איז גאר אן אומגעוועוונליכע זאך. דער רבי האט זייער געבעטן פונעם בויער, אז עס זאל זיין גרייט פאר ראש השנה תשפ"ב, און טאקע ערב ראש השנה האט מען געעפנט די טויערן פונעם משכן ה' ברוב פאר והדר.

באקאנטער משב"ק און גאר נאנטער מיינטש צום רבי'ן, הרב ר' בנציון שטאנגער מיט וועמען דער רבי האט שוין א פערזענליכע קשר פאר ארום פערציג יאר.

**הערט איר אמאל דעם רבי'ן רעדן איבער די 'זיסע' יארן?**


מיט כ"ק אדמו"ר מבעלזא שליט"א

אתר ויז'ניצע נייעס

**אויך כ"ק דער בעלזער רב שליט"א האט אים שטארק אנגעווינטשן א שידוך, און דער רבי געפרעגט וויצלדיג אויב יוסף שמעון וועט אים שענקן סידור קידושין...**

**האט דער רבי זיך אמאל דורכגערעדט מיט אייך קהילה ענינים א.ד.ג.?**

ניין. איך בין דא צו העלפן און מאכן גרינגער, נישט זיך צו מישן אין עסקים וואס באלאנגען נישט פאר מיר. פאר די ענינים איז דא אין הויף פארשידענע אנדערע מענטשן, איבערהויפט דער

יא, דער רבי רעדט דערפון צומאל, געווענליך ווען ער געפינט זיך אויף וואקאציע. דער רבי איז אלעמאל מצדיק דעם דין, זאגנדיג אז אלעס קומט פון הימל און דער מענטש טוט גארנישט. איין מעשה געדענק איך וואס דער רבי האט דערציילט, אז אמאל זייענדיג אין אנטווערפן דורכאויס



"אויב כ'האב געזאגט פאר יוסף שמעון אז מ'גייט שפאצירן, דארף מען גיין שפאצירן". ביים באגלייטן דעם רבי'ן שליט"א הרבאים א שפאציר

אתר ווילניצע נייעס

באגלייטן דעם רבי'ן ביי א שבע ברכות בבית הרב ר' אלטער עקשטיינער, דער רב פון לב ישראל אין מאנסי. "כשושנה בין החוחים" ר' זאב חיים הערשאג, באגאנגען ביים סעודה בקהילתו רבי'ן, האט ער זיך אפגעשמועסט ביי מיר און געזאגט בזה הלשון: "שבעדיג מאל די קומסט קיין אמעריקע, קומסט צו א סעודה!"

און ביי דער בעלזער רב שליט"א האט איך שטארק אפגעווארטן א שידוך, און דערביי געפרעגט ווייטער אויב יוסף שמעון וועט אים שטעלן כיבוד קידושין... יוסף שמעון האט געזאגט פארן רבי'ן אז אויב וועט ער א חתן ביי מצוה וועט דער רבי באקומען כיבוד קידושין. וכך הוה, ער איז געווען א חתן געווארן פאר מצות, און די יוסף שמעון האט איז דער רב מכבד מיט כיבוד קידושין.

ער האט באקומען הפטרה/[illegible] פון פילע רבנים, וועלכע האבן געוואוסט 'כל טוב' און אפגעשטעלט א גליקליך לעבן. צוליב די פילע וועגן האט ער נישט עקזיסטירט צו איבערגעבן אלע רמזים און כמה שיחות פונעם ער רבנים און רבנים וועלכע האבן אים אז די האבן פרעגיעט אים צו מאכן און אפגעשמועסט. דאס איז איינער די פילע אבערגע אידן וועלכע האבן אים געהאלפן.

# "אויב כ'האב געזאגט פאר יוסף שמעון אז מ'גייט שפאצירן, דארף מען גיין שפאצירן!"

דעם רבי'נס קשר צו יוסף שמעון, איז מער פון ווי ליטעש אויס. ווי שוין ערווענט עטליכע מאל, איז דער רבי זיין לעבנס באגלייטער על כל צעד ושעל. די באקאנטע איז דער רבי א הארציג-פרומער און געלערנטער איש האמת, און דאס ווען מיר אויך פון א געשיכטע האט יוסף שמעון האט אים פארציילט. געווען איז האט דער רבי האט געדארפט פארן ערגעץ צו טרעפן א היטראטשאלער פערזענליכקייט, א באגעגעניש האט האט געדאלט זיין א גוט שעה. איידער'ן פארן האט דער רבי געזאגט פאר יוסף שמעון אז ער גייט יעצט פארן אויף א לענגערע שפאציר און פארן וועט ער אים קענען זאגן וואו ער איז געווען. דער רבי האט זיך מאכט געטראפן מיט יענעם פאר א לאנגע צייט, און ערשט פארלאזט איז דער רבי אהיימגעקומען.

האט איינער פון די בנאים געפרעגט דערציילט פאר יוסף-שמעון, אז ביים אהיימקומען האט דער רבי געזאגט אז מ'דארף אצינד גיין אויף א שפאציר. די בנאים האבן זיך פרובירט קעגנשטעלן מיט די טענה אז ס'איז שוין באלד אינדערפרי און מ'קען מארגן גיין שפאצירן, אבער דער רבי האט געזאגט:

"אויב כ'האב געזאגט פאר יוסף שמעון אז מ'גייט שפאצירן, דארף מען גיין שפאצירן" דער רבי איז דאן ארויסגעגאנגען די קאר אויסצוגן צו יוצא זיין דעם שפאציר...

זיין קשר מיט'ן רבי'ן גייט אזוי ווייט, אז אפילו איידער'ן הערן א חתן, איז דער רבי געווען דער וואס האט אים צוגעגרייט צום געשאו, און איך באשטאנען געווען מיט אים אויפ'ן טעלעפאן צו מאכן זיכער אז אלעס איז בסדר און אז אלעס פארט אין די ריכטיגע דירעקציע.

## בכל ביתי נאמן הוא

עס הערט זיך שטענס און יוסף שמעון'ס טעלעפאן הערט נישט אויף צו קלינגען מיט בקשות און אפפראגעס פון איבעראל, אבער מיר געמען זיך די מצווה און פרובירן אריינצוקומען נאך עטליכע שאלות.

**וועלכע אינטערעסאנטע זאכן האט איר מיטגעהאלטן מאחורי הקלעים ביים רבי'ן און שטוב?**

איך געדענק אז אמאל ווען א געוויסער רב האט מוחה געווען קעגן דעם רבי'ן אויף א געוויסע ערט, האט מיך דער רבי דעמאלט געזאגט: "פארוואס זאגסט ער עס ביי זיך אין ביהמ"ד, ואל ער עס זאגן דא ביי אונז אין ביהמ"ד, מ'וועט

7



יים באקומען ברכת הקודש במלא חפניים פון כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א • בהשתדלות ר' דוד חיים הערמאן (לינקס אינעם בילד) מנאמני בית אדמו"ר מסקווירא

**ווי אויך האט ער באקומען א הבטחה פון האדמו"ר מסקווירא שליט"א, די רבי האט זיך אפגעשטעלט ביי מיר און געזאגט בזה הלשון: "קומענדיגע מאל דו קומסט קיין אמעריקע, קומט צו א שטריימל!"**

שטענדיג און מיך געהאלטן מיט אייזערנע בטחון.

דער רבי האט מיר אמאל ביי א געלעגנהייט דערציילט א מעשה וואס האט געטראגן דעם רבי'ן זעלבסט און אים מחזק געווען אין שווערע זמנים. די מוטער פון א געוויסער רבי האט אמאל פארציילט, אז ווען איר זוהן איז נאך געווען א קליין קינד האט ער זיך אמאל געשפילט מיט נאך קינדער אויף די גאס, און די קינדער האבן פרובירט ארויפצוקריכן אויף גאר א הויכע בוים. אלע האבן אנגעהויבן קריכן און ביי א געוויסע פונקט זענען זיי אלע אראפגעקומען, און זיי האבן נישט געקענט קריכן ווייטער, חוץ איר זוהן איז געקראכן און געקראכן ביז ער איז אנגעקומען צום שפיץ.

ווען די מאמע האט אים געפרעגט וויאזוי ער האט דאס געקענט באוויזן, אינדערצייט ווען אלע אנדערע קינדער האבן נישט געקענט, האט ער איר געענטפערט: "אלע קינדער האבן געקוקט אויף אראפ, און געזען ווי ווייטער זיי ווערן פון דער ערד, האבן זיי מורא באקומען און אראפגעטאנצט. איך אבער, האב נאר געקוקט אויף ארויף, און גערעכנט ווי ווייט איך בין נאך פונעם שפיץ, און פארגעזעצט צו קריכן ביז איך האב דערגרייכט דעם שפיץ!"

אט די מעשה האט מיר דער רבי אליינס דערציילט, זאגנדיג וויאזוי ער האט זיך געהאלטן שטארק און איז נישט צעבראכן געווארן דורכאויס 'די זיסע יארן', און מיט די מעשה האב איך זיך זעלבסט אויך אלעמאל מחזק געווען האלטנדיג דאס פאר מיינע אויגן ווען ס'איז מיר אונטערגעקומען א שווערע מינוט; איך האב קיינמאל נישט געקוקט אויף צוריק, נאר שטענדיג אויף פאראויס.

אן ענליכע שטארקע משל האב איך אמאל געהערט, וואס האט מיך אסאך באגלייט, אז ווען מען פירט אן אויטא, דארף מען טאקע קוקן אין די זייטיגע שפיגלעך, און צומאל אויך אויפ'ן שפיגל פון הינטערווייליעכץ, אבער אך און ווי צו א דרייווער וואס קוקט נאר אויף אהינטער... דאס ברענגט ארויס די זעלבע נקודה, פון וויסן און געדענקען אז קוקן פאראויס און טראכטן פאזיטיוו איז די ריכטיגע וועג.

דער עיקר איז אויך זיך צו האלטן בשמחה מיט א שמייכל, און נישט ארייננפאלן אין א דעפרעסיע און מרה שחורה, ווייל דאן איז שוין גאר שווער זיך ארויסצוזען דערפון. דער רבי פלעגט מיר אלץ זאגן, אז אין וויזניץ פלעגט מען זאגן "דער יצר הרע דארף סאך מער די עצבות נאך די עבירה, ווי די עבירה אליינס", איז פון יאוש דארף מען אנטלויפן ווי פון פייער, ווייל קיין שידוך ברענגט עס סייווי נישט.

און צום סוף העלפט דער אויבערשטער! איך בין ב"ה א חתן געווארן צו הכלה המהוללה בת הרב יהושע גרין, א בארימטער משגיח אין ישיבת דאראג, און די חתונה וועט פארקומען דעם קומענדיגן חודש אלול אין א מזל'דיגע שעה. אלע זענען געלאדנט...

אתר ווילניצע נייעס

## הבטחות פון אדמור"י וויזניץ, סקווירא און בעלזא פאר א שידוך

"דער שידוך שליסן איז א קאמבינאציע פון ברכות פון עטליכע גוטע אידן", שילדערט ער זיין שידוך געשיכטע. "איבערהויפט מיין רבי וועלכער האט מיר אלעמאל געשטארקט און מחזק געווען. דעם פארגאנגענעם מוצאי כ' אדר, נאכ'ן יארצייט פונעם ישועות משה, איז דער רבי צוגעקומען צו מיר און געזאגט: "די ראשי תיבות פון דיין נאמען (י'וסף ש'מעון ב'ן ח'נה ש'עכטער) איז בגימטריא 'כתר', איך זע בקרוב א כתר - א שטריימל אויף דיין קאפ!"

"ס'איז נישט אריבער מער ווי עטליכע טעג און איך בין טאקע א חתן געווארך". אייגנטליך לייגט ער צו אז דער שידוך איז געווען אין מירון, טאקע דארט וואו ער האט פארברענגט מיט'ן רבי'ן אליינס אין די קאוויד צייטן, און ער האט געשפירט א שטארקע קשר מיט מירון און ר' שמעון.

ווי אויך האט ער באקומען א הבטחה פון האדמו"ר מסקווירא שליט"א, ווען ער האט

4



אלס קליין קינד ביי **הרה"ק הישועות משה זצ"ל**

זיינע אויגן פולן זיך אן מיט טרערן ווען ער דערמאנט זיך פון זיינע יוגנט יארן בצילו פונעם גרויסן רבי'ן, ווען אן אומגעהויערע בענקשאפט צום רבי'ן באנעמט אים

אתר ויז'ניצע נייעס

הטהור. ער איז געווען א קליינטשיגער בחור'ל און ס'זענען געווען אזעלכע ווען ס'האט נישט געשמעקט די גאנצע געשיכטע, אבער ער האט געטון וואס ער האט געשפירט פאר ריכטיג.

זיין גרייטקייט און נאמנות צום רבי'ן האט געשאפן א גאר נאנטע קשר צווישן דער קליינער דרייצן יעריגער יוסף שמעון מיט'ן רבי'ן שליט"א. ווען עס איז געקומען זיין צייט צו גיין אין ישיבה, האט דער רבי זיכער געמאכט אז יוסף שמעון גייט אריין אין דער וויזניצער ישיבה אין אשדוד, וואו דער רבי האט געהאלטן אז ער וועט ריכטיג שטייגן.

אבער אויך פונדערוויטנס האט דער רבי כסדר געהאלטן אן אויג און זיכער געמאכט אז עס פעלט אים גארנישט. ער האט זיך אלעמאל אינטערעסירט ביי זיינע מגידי שיעור און חברותות, ווי א טאטע ביי אן אייגן קינד. "דער רבי האט מיר געבעטן אז כ'זאל אים יעדן פרייטאג שיקן א פשט'ל", דערמאנט זיך יוסף שמעון בחור'ישע זכרונות.

"ס'איז געווען קאמפליצירטע פשט'לעך, און איך האב אריינגעמישט דערין חסיד'ישע גוטע ווערטער. ווען איך פלעג אהיימקומען איינמאל אין עטליכע וואכן, פלעגט דער רבי איבערזאגן וואס איז געשטאנען אין די בריוו, און דער רבי האט געהאט דערפון א געוואלדיגע הנאה". יוסף שמעון צעשמייכלט זיך ווען ער דערמאנט זיך אז דער רבי האט מער הנאה געהאט פון די הייליגע חסיד'ישע ווערטער, ווי איידער די פשט'לעך און געדרייטע פלפולים. "שוין דעמאלטס האט זיך ארויסגעוויזן השם, און טאקע מיטן וויזניצער קנייטש און פלאקער", מישט ער צוריק דעם זכרון צום רבי'נס דעמאלטיגער שטאנד אין די חסידות.

"איך בין געווען דער סאמע ערשטער צו געבן 'שעות צעטלעך' פאר'ן רבי'ן", דערקלערט ער מיט שטאלץ. דער טערמין 'שעות צעטלעך' - ווי יונגעלייט און בחורים געבן איבער פאר'ן רבי'ן וויפיל שעות זיי האבן געלערנט - קומט טאקע פון וויזשניץ מאנסי, פונעם רבי'ן דער תורת מרדכי זי"ע, אבער דער היינטיגער וויזניצער רבי האט דאס אריבערגעברענגט אויך קיין ארץ ישראל, און איםפלימענטירט ביי זיך אין הויף אין בני ברק. "איך האב גלייך אנגעהויבן אריינצוגעבן מיינע שעות-צעטלעך, וויסנדיג אז דאס שאפט א געוואלדיגע קורת רוח פאר'ן רבי'ן.

"אין יענע צייט האט דער רבי אנגעהויבן פירן די בארימטע וויזניצער באטעס פרייטאג צונאכטס", שילדערט ער וויאזוי זיין הויז-בחור קאריערע האט זיך געשאפן. "איך האב זיך דאן אריינגעווארפן אז אלעס זאל זיין גענצליך מסודר פאר'ן באטע. איך האב געדעקט דעם טיש, אנגעגרייט אלעס על צד היותר טוב און אריינגעברענגט וואס מען האט געדארפט צום רבי'נס טיש. אויך האב איך געשאפט נדבנים און תורמים פאר די שיינע זילבערנע כלים פאר'ן באטע". דער רבי האט אים טאקע ארויסגעוויזן א חיבה יתירה, און אים אלץ געגעבן פון די שיריים ביי די באטעס; דאס איז געווען א זעלטענע זאך אז א בחור זאל באקומען שיריים, און ס'איז נאך היינט אן אויסערארדנטליכע זאך אין וויזניץ.

"פארשטייט זיך אז מער פון אלעם האט דער רבי געמאנט און געפאדערט אויף מער פערזענליכע רוחניות; דאס דאווענען זאל זיין ווי ס'דארף צו זיין און דאס זעלבע מיט'ן לערנען, אבער אלעס איז געווען מיט א פאטערליכע אהבה".

יוסף שמעון פארגלייזט זיך די אויגן און שווימט צוריק מיט נאסטאלגיע צו יענעם חנוכה-ליכט צינדן אום תשס"ב, ווען עס איז פארגעקומען די ערשטע אפיציעלע/אומאפיציעלע הדלקת הנרות וואס דער רבי האט אפגעהאלטן מיט גאר אן ענגע צאל חסידים. יוסף שמעון האט געהאט דער זכי צו זיין פון די עשרה ראשונים, פון די צען איד וועלכע האבן זיך אריבערגעכאפט מיטצוהאלטן דאס געהויבענע צינדן. ווען דער המון-עם האט נאכנישט געוואוסט וויאזוי צו רעאגירן צום נייעם ערשיינונג, האבן שוין יוסף שמעון מיט זיין פאטער מיטגעהאלטן יעדן ריר פונעם רבי'ן.

## ובבואו אל הקודש

נאך דריי ישיבה-קטנה יארן וואס יוסף שמעון איז געזעצן און געהארעוועט אין וויזניצער ישיבה



2

אתר ווי'זניצע נייעס

"איך האב אלעמאל געשפירט ווי דער רבי קוקט זיך אום אויף מיר צו יעדע צייט, און ער מאכט זיכער עס זאל מיר גארנישט פעלן; ווי א טאטע צו א קינד מיט א ווארעמקייט און ליבשאפט", עפנט אונזער שמועס דער בארימטער 'הויז בחור' לבית וויזניץ, הבחור החתן יוסף שמעון שעכטער, פארגאנגענעם וואך אינעם הויף פון הרבני ר' אביגדור אסטרייכער הי"ו אין שטעטל סקווירא, וואו דער וויזניצער רבי שליט"א האלט זיך אויף אין די טעג, בעת ער ווייל אין אמעריקא לכבוד די חתונה פון אן אייניקל.

'יוסף שמעון שעכטער' איז נישט קיין נייע נאמען פאר ווער עס ווייסט נאר אביסל מהנעשה והנשמע אין די חסיד'ישע הויפן איבער די וועלט. ער איז באקאנט אלס דער דינאמישער הויז-בחור פונעם וויזניצער רבי'ן פאר כמעט צוואנציג יאר, און אלס ספרא רבא וועלכער אינספירירט טויזנטער מיט זיין גאלדענע פעדער, שרייבנדיג ארטיקלען אין עטליכע חסיד'ישע גליונות וועלכע ווערן צעשפרייט בבל תפוצות ישראל.

# צען יאר

# הויז-בחור

אתר ויז'ניצע נייעס



ער באגלייט שוין מרן אדמו"ר מוויזניץ שליט"א מיט געטריישאפט פאר איבער צוואנציג יאר, ווען גלייכצייטיג באגלייט אים דער רבי ווי א טאטע צו א קינד | **איידער יום חתונתו ושמחת לבו טוט דער לאנגיעריגער 'הויז בחור' לבית וויזניץ, החתן יוסף שמעון שעכטער** שליסן און צוזאמנעמען **זיין צען יעריגע קאדענץ פון שימוש צדיקים באמונה** | כדאי יוסף שמעון לסמוך עליו

**שמואל הערמאן, יוסף בערקא**